# קאנסטיטושאן און בײ־לאָהס

— פון די —

# קאנגרעגיישאן אגודת שלום

קארנער וואלנאט און פאורטה סטס.

## טשעלסי, מאסס.

נתיסדה בשנת תרס"ט

1909

סטענדארד פרעס — 28 עווערעט עוו., טשעלסי

# אינהאלטס פערצייכניס.

ארטיקעל — פייזש


1—נאמען און פיהרונג פון קאנגרעגיישאן ...... 3

2—די פיהרערס פון קאנגרעגיישאן ...... 3

3—צייט פון די מיטינגען ...... 4

4—נאמינייישאן אף אפיסערס ...... 5

5—צייט פון עלעקשאן ...... 6

6—אינסטאלייישאן אף אפיסערס ...... 8

7—ריוטיס און פאורס פון באארד אף דירעקטארס ...... 9

8—ריוטיס און פאורס פון פרעזידענט ...... 11

9—ריוטיס און פאורס פון וויס פרעזידענט ...... 12

10—ריוטיס פון טרעזשורער ...... 13

11—ריוטיס פון רעקארדינג סעקרעטאר ...... 15

12—ריוטיס פון פינאנס סעקרעטאר ...... 16

13—ריוטיס און פאורס פון מעמבערס ...... 19

14—פיינס אדער שטראף ...... 24

15—אריינגעהמונג פון מעמבערס ...... 27

16—ריוטיס פון פינאנס קאמיטע ...... 28

17—ריוטיס פון בילדינג קאמיטע ...... 29

18—ריוטיס פון פרינטינג קאמיטע ...... 29

19—עלעקשאן פון רב און חזן ...... 30

20—ריוטיס פון שמש און קאלעקטאר ...... 30

ארדער פון מיטינג ...... 35

אפיסערס פון קאנגרעגיישאן ...... 36

## ארטיקעל 1.

1. דיזע געמיינדע זאָל טראָגען דעם נאָמען „קאָנ־גרעגיישאָן אגודת שלום אַף טשעלסי, מאסס." און זאָל זיך פיהרען סטריקט אָרטאָדאָקסיש. די קאָנ־גרעגיישאָן זאָל באשטעהן פון א בית המדרש צום לער־נען, א שוהל צום דאווגען, און אלעס זאָל זיך פיהרען לויט דעם פארלאנג פון די אידישע רעליגיאָן, און לויט אלע אידישע דינים ומנהגים ווי אלע אנדערע אָרטאָדאָקסישע קאָנגרעגיישאָנס ווערען פארוואלטעט, און דיעזער פאראגראף זאָל ניט געענדערט ווערען זאָ לאנג עס וועט זיין 7 גוטשטעהענדע מעמבערס, און וועלען זיין צופריעדען אנצוהאלטען דעם טשארטער פון דיעזע קאָנגרעגיישאָן.

2. די מיטינגען און די ביכער פון דיעזע קאָנגרע־גיישאָן זאָל געפיהרט ווערען אין אידיש און ענגליש אָהן אונטערשיעד.

## ארטיקעל 2.

1. די פירערס פון דיזע קאָנגרעגיישאָן זאָלען בא־שטעהן פון א פרעזידענט, וויס־פרעזידענט, 1 טשער־מאן, 1 טרעזשורער, 1 פינאנס־סעקרעטאר, 1 רעקאָר־דינג סעקרעטער און 20 דירעקטאָרס וועלכע זאָלען טראָ־גען דעם נאָמען באָארד אָוו דירעקטאָרס. דיעזע באָארד

זאָל עלעקטען פון זיך איינעם פאר א טשערמאן ביי א סעקרעט באַלאָט ביי זייער ערשטען מיטינג. דער טשערמאן זאָל זיין דער פּאָרזיצענדער ביי אלע מי־טינגען פון די באָארד. ער זאָל אונטערשרייבען אלע וואוטשערס צו באצאָהלען בילס, וועלכע עס ווערען געפאסט פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, ווי אויך אלע נויטיגע פאפירען וואָס די באָארד וועט געפינען פאר נויטיג ער זאָל אונטערשרייבען אין נאמען פון דער קאָנגרעגיישאָן. אין פאלס דער טשערמאן איז אבוועזענד, דאן זאָל דער פרעזידענט פארטרעטען זיין שטעלע, אָדער א טעמפּאָרערי טשערמאן זאָל ערוועהלט ווערען פון די באָארד צו פיהרען דעם מיטינג.

## ארטיקעל 3.

1. די רעגולע מיטינגען פון דיזע קאָנגרעגיישאָן זאָל אָפּגעהאלטען ווערען יעדען 1־טען זונטאָג אין די מאָנאטען יאנואר, אפריל, דזשולי, אָקטאָבער און דע־צעמבער. דער פרעזידענט זאָל זיין דער פּאָרזיצענ־דער ביי דיזע אלע מיטינגען, און אויך ביי אלע ספע־שיל מיטינגען פון דיזע קאָנגרעגיישאָן אין פאל אזעל־כע מיטינגען זאָלען שטאטפינדען. 25 גוטשטעהענ־דע מעמבערס זאָל הייסען א קוואָרום און קענען פאר־האנדלען די ביזנעס אָף די קאָנגרעגיישאָן.

2. די מיטינגען פון די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען אָפגעהאלטען ווערען יעדע וואָך אין אן אָווענט, וועלכע ווי ווערט געפעהלען אם בעסטען. אויסער פרייטאָג אָווענט. 11 מיטגלידער זאָל הייסען א קוואָרום און זאָל פאָרהאנדלען די ביזנעס פון דער קאָנגרעגיישאָן.

## ארטיקעל 4.

1. די נאָמינײשאָן פון פרעוידענט, וויים־פרעזידענט, טרעזשורער, פינאנס־סעקרעטער און רעקאָרדינג סעקרעטער, זאָל פאָרקומען ביי די באָארד אָוו דירעקטאָרס יעהרליך, ביי דעם לעצטען מיטינג אין נאָוועמבער מאָנאט, און נים מעהר ווי 3 קאנדידאטען פאר יעדען אָפיס האָבען די באָארד דאָס רעכט צו נאָמינירען, און נאָר ביי א סעקרעט באלאָט זאָל די נאָמינײשאָן פאָרקומען.

2. די באָדי עט לאַרדזש האָט דאָס רעכט צו נאָמינירען 2 קאנדידאטען פאר יעדען אָפיס, נעמליך: פרעזירענט, וויים־פרעזידענט, טרעזשורער, פינאנס־סעקרעטער און רעקאָרדינג סעקרעטער. דיעזע נאָמינײשאָן זאָל שטאטפינדען אין מאָנאט דעצעמבער ביי דעם רעגולאר מיטינג, און אויך ביי א סעקרעט באלאָט.

3. יעדער גוטשטעהענדער מעמבער האָט דאָס

רעכט צום נאָמינירען 1 קאַנדידאַט פאַר יעדען אָפיס און ניט מעהר.

4. נאָמינײשאַן פאַר באָארד אָף דירעקטאָרס זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען ביי די באַדי עט לאַרדזש אין מאָנאַט דעצעמבער, ניט ווייניגער ווי 20 און ניט מעהר ווי 30 קאַנדידאַטען זאָלען די מעמבערס נאָמינירען.

5. די נאָמינײשאַן פון א שמש זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען ביי די באָארד אָף דירעקטאָרס אין מאָנאַט מאַרטש, א צווייטע נאָמינײשאַן זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען ביי די באַדי עט לאַרדזש אין דער צייט פון זיין עלעקשאָן.

6. די נאָמינײשאַן און עלעקשאָן פאַר א חזן זאָל שטאַטפינדען דאַן ווען די באַדי עט לאַרדזש וועט גע־פינען פאַר נויטהיג צו נעהמען א חזן פאַר די קאָנגרע־גײשאַן, און ניט אנדערש סיידען עס וועט געפּאַסט ווערען ביי א ספּעשיל נאָמינײטיד מיטינג פאַר דעם צוועק פון די קאָנגרעגײשאַן.

## אַרטיקעל 6.

1. די עלעקשאָן פון אלע אָפיסערס און באָארד אָף דירעקטאָרס זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען דעם 1־טען זונטאָג אין מאָנאַט יאַנואַר פון יעדען יאָהר פאַר דיעזע קאָנגרעגײשאַן.

2. אלע קאנדידאטען וועלכע זיינען נאמינירט צו פארשיעדענע אפיסערס מוזען אנוועזענד זיין ביי דעם מיטינג אין דער צייט פון עלעקשאן, זאנסט קענען זיי ניט ערוועהלט ווערען.

3. אלע ערוועהלטע אפיסערס מוזען ביווּאהנען די מיטינגען פון די באַרי עט לארדוש, ווי אויך ביי אלע מיטינגען פון די באארד אף דירעקטארס.

4. אין דער צייט פון עלעקשאן זאל די באַרי עט לארדוש צו ערשט עלעקטען 20 דירעקטארען, נאכהער דעם פרעזידענט, וויים פרעזידענט, טרעזשורער און 2 סעקרעטארען.

5. אלע אפיסערס זאלען עלעקטעד ווערען ביי א מאדזשאריטי וואוט.

6. קיין פערזאן קען בעטרעטען 2 אפיסעס.

7. בעפאר די עלעקשאן זאל דער פרעזידענט אפּאינטען 3 מעמבערס פאר טעלערס, צום קאלעקטען און צעהלען די וואוטס, אבער קאנדידאטען איז ניט ערלויבט צו זיין צווישען די טעלערס.

8. א נייער מעמבער קען ניט לויפען פאר קיין אפיס אין דיעזע קאנגרעגיישאן בעפאר 6 מאנאטען צייט.

9. דער טערם פון אלע אפיסערס זאל זיין גילטיג
פאר 1 יאהר צייט.

10. אלע אפיסערס מוזען זיין קליער אין די בי
כער בעפאר אינסטאליישאן.

11. יעדער אפיסער וואס איז אונטער א קלאגו
קען ניט האלטען זיין אפיס ביז די באארד אף דירעק
טארס אדער פיעס קאמיטע גיבען ארויס זייער אור
טייל ניט שולדיג וועגען דעם פערזאן ביי א רעגולא
באארד און דירעקטארס מיטינג.

## ארטיקעל 6.

1. ביי דעם 1־טען מיטינג נאך דעם יעהרליכ
עלעקשאן זאל דער נייערוועהלטער טשערמאן אי
סטאלען אלע אפיסערס און דאן אפאינטען פארשי
דענע קאמיטעס ווי פאלגט:

א בילדינג קאמיטע;
א פינאנס קאמיטע;
א פרינטינג קאמיטע;
אינוועסטיגיישאן קאמיטע,
א סיק קאמיטע, און
א פריערענס קאמיטע

אום צו פארהאנדלען ריכטיג די ביזנעס פון די קא
גרעגיישאן.

.2 ווען א מיטגליער פון די באארד קומט ניט צו
די מיטינגען 3 מאהל אין סוקסעשאן, דאן זאל דער
סעקרעטער לאזען וויסען יענעם מיטגליער דאס ער
זאל ערשיינען צום נעקסטען מיטינג און אנגעבען אור־
זאכען פאר ניט ביווּאהנען די מיטינגען פון די באארד.
אין פאלס ער קומט נים, אדער ער גיט ניט א גענִי־
גענדע אורזאכע פאר זיין אבוועזענהייט, דאן זאל דער
טשערמאן ערקלעהרען זיין פלאץ ליידיג און א ספע־
שיל מיטינג פון די באארד זאל גערופען ווערען צו
עלעקטען אן אנדער נוטשטעהענדען מעמבער אויף
זיין פלאץ ביז דער יעהרליכער עלעקשאן וועט שטאט־
פינדען און די עלעקשאן זאל זיין ביי א סיקרעט באַ־
לאט.

## ארטיקעל 7.

### דיוטיס און פאוערס פון די באארד אף דירעקטארס.

.1 קיינער האט דאס רעכט צו ספענדען געלד,
אדער באצאהלען בילס כעפאר עס איז נעפאסט געוואָ־
רען ביי די באארד אף דירעקטארס מיטינג און נוט
געהייסען געווארען ביי די פינאנס קאמיטע.

.2 די באארד אף דירעקטארס זאלען האבען דאס
רעכט צו ספענדען געלד פאר'ן בילדינג בארערפניש
און צו צאהלען סאלארים צו אלע באצאהלטע אפי־

סערס, אבער אין עקסטרא קייסעס זאָלען זיי אָרער דער פּרעזידענט פון שוהל האָבען א רעכט צו ספּענ־דען ניט מעהר ווי 5 דאָלאר.

3. די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען עקטען אויף אַלע אַפּליקיישאָנס פאר מעמבערשיפּ, ווי אויך אויף אַלע באַצאָהלטע אָפיסערס, זיי האָבען דאָס רעכט אריינצונעהמען אָדער סוספּענדען מעמבערס, און אין קיין פאל זאָל ניט געפאָדערט ווערען מעהר ווי 3 וואוטס צו דיזשעקטען א מעמבער.

4. די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען האָבען דעם קאָנטראָל איבער דעם בילדינג פּראָפּערטי, בוקס, פּיי־פּערס, פאָרניטשור, און אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין בילדינג. זיי זאָלען אכטונג געבען אז אַלעס זאָל זיין אין אָרדער און אַלעס זאָל זיין געסייפט.

5. די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען האָבען דאָס פול מאכט צו קאָלעקטען בילס פון מעמבערס און פון פּרעזידענט בייס לאָה, ווען זיי וועלען געפינען פאר נויטיג דאָס צו טהאָן.

6. די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען באַוואָרגען קאַנדידאַטען אריינקריגען אַפּליקיישאָנס, מאכען פּריי־וועס פאר אַלע באַצאָהלטע אָפיסערס, ווי אויך צו מאכען אגרימענטס מיט א חזן, שמש אָדער ענ׳י באַ־

צאהלטען אפיסער וועלכער ווערט עלעקטעט ביי די באדי עס לארדזש.

7. די באארד אף דירעקטארס האבען דאס רעכט צו יעדער צייט רעמווירען די ביכער ביי די סעקרע־טעסר, טרעזשורער און שמש ווען זיי געפינען נאר פאר נויטהיג דאס צו טהאן.

8. די באארד אף דירעקטארס האבען דאס רעכט צו געבען אן ארדער צו פרעזידענט פון דיעזע קאנ־גרעגיישאן צו רופען א ספעשיל מיטינג פון די באדי צו יעדער צייט ווען עס וועט נעפאסט ווערען ביי א מיטינג פון די באארד אף דירעקטארס.

9. אלע אפליקיישאנס צו געברויכען די קאנגרע־גיישאנס בילדינג זאל אריינקומען צו די באארד אף דירעקטארס און די באארד האט דאס רעכט צו האנד־לען וועגען דעם.

## ארטיקעל 8.

### דיוטיס און פאוערס פון פרעזידענט.

1. עס איז די פפליכט פון פרעזידענט צו אינפאר־סען די רולס און רעגולעישאנס פון דיעזע קאנגרע־גיישאן אין דער צייט פון דאווענען און אויך אין אל־געמיין.

2. דער פרעזידענט זאָל האָבען דאָס פול מאכט, איבער דעם האָל און רומס פון שוהל ער זאָל קענען פאררענטען דעם האָל פאר פארשיעדענע רעליגיעזע אונטערנעהמונגען. ער האָט אויך דאָס רעכט צו געבען אומזיסט דעם האָל אָדער די רומס פון שול ווען ער געפינט פאר נויטיג דאָס צו טהאָן, ער מוז אָבער ווענען דעם רעפּאָרטען צו די באָארד אָף דירעקטאָרס אידער ער גיט זיין דעסיזאָן.

3. עָס איז די פפליכט פון פרעזידענט צו רופען אלע רעגולע און ספעשיל מיטינגען פון די באָרי עט לארדזש. עס איז אויך זיין פליכט צו רופען א ספעשיל מיטינג פון די באָארד ווען אונטערגעשריבען ביי 8 נוט שטעהענדע מעמבערס פון די באָארד אין צייט פון 24 שטונדען.

---

4. ספעשיל מיטינגען קענען גערופען ווערען ביים פרעזידענט אליין אָדער ביי א פעטישאָן, אונטערגע־שריבען ניט ווייניגער ווי 25 גוטשטעהענדע מעמבערס פון דיעזער קאָנגרעגיישאָן אָבער ווי מוזען דייטליך אויסשרייבען צוליעב וועלכע אורזאכע דער מיטינג זאָל גערופען ווערען.

5. ווען דער פרעזידענט רופט א ספעשיל מיטינג פון די באָרי און די יעניגע פון די 25 מעמבערס וועל־

בע האָבען אונטערגעשריבען צו רופען דעם ספעשיל מיטינג קומען אליין ניט, דאן האָט דער פרעזידענט דאָס פול מאכט זיי צו שטראָפירען ניט ווייניגער ווי 1 דאָלאר און ניט מעהר ווי 3 דאָלאר, סיידען זיי גיבען אָן א גענינענדע אורזאכען פאר זיין אבוועזענהייט.

## ארטיקעל 9.

### ריוטיס און פאוערס פון וויס פרעזידענט.

1. דער וויס פרעזידענט זאָל העלפען דעם פרעזידענט אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען. אין דער אבוועזענהייט פון פרעזידענט זאָל ער פארטרעטען דעם פרעזידענט'ס שטעלע. 1 דריטעל פון אלע קאָמיטעס וואָס דער פרעזידענט דארף אפאָינטען, באלאנגט צום וויס פרעזידענט.

2. דער וויס פרעזידענט זאָל זיין דער טשערמאן פון די טראָסטיס פון שוהל, ער זאָל אכטונג געבען און העלפען דעם פרעזידענט מיט די טראָסטיס, צו האלטען אָרדנונג אין דער צייט פון גאָטעס דיענסט.

## ארטיקעל 10.

1. בעפאָר דער טרעזשורער נעהמט איבער זיין אָפיס מוז ער געבען א באָנד צו ריעזער קאָנגרעגיישאָן, וועלכעס זאָל זיין צופריעדענשטעלענד צו די

באארד אף 'עקטארס, אויף וועלכער סומע זיי וועלען באשטיכ

2. דער טרעזשורער זאל ערהאלטען אלע געלדער וואס עס קוט אריין אין האנד פאר די קארגאניזיישאן דורך די פינאנשעל סעקרעטער אדער ווען אן אנדער פערזאנעל פערזענליך איהם געלד פאר די קארגאניזיישאן. ער זאל דאפיר געבען רעסיטס, נאטירען אין זיין בוך בוועסען ער האט דאס געלד ערהאלטען און פאר וואס.

3. דער טרעזשורער זאל אויסצאהלען אלע וואוטשערס געמאכט ביי די באארד אף דירעקטארס מיטינגען און געזעצט ביים טשערמאן און פינאנשעל סעקרעטער. ווען דער טשערמאן איז אבוועזענד, דאן זאל דער טשערמאן פון דער סעקרעטער אונטערשרייבען די וואוטשערס. אן א וואוטשער קען ער קיין שום געלד נים צאהל

4. דער טרעזשורער פון דיעזע קארגאניזיישאן מוז אלע געלדער דעפאזיטען אין א טראסט קאמפאני אדער א נעשיאנאל באנק אויף דעם נאמען פון דער קארגאניזיישאן און זי אויסצאהלען אלע וואוטשערס מיט טשעקס אין נאמען פון דער קארגאניזיישאן.

5. דער טרעזשורער זאָל פיהרען זיין בוך רעגו־
לאר, יעדע אינקאם און יעדער עקספענס זאָל ער ריכ־
טיג פארשרייבען, יעדען אויסגעצאָהלטען וואוטשער
זאָל ער היטען און צייגען די פינאנס קאָמיטע ווען זיי
אונטערזוכען די ביכער פון שוהל, ווי אויך זיין בוך
וואָס ער פיהרט און וויפיעל באַלאַנס עס געפינט זיך
אין דער טרעזשורי פון דיעזער קאָנגרעגיישאָן.

6. ער מוז צו יעדער צייט געבען זיין בוך און
וואוטשערס צו עקזאַמענירען ווען עס ווערט נאָר פאָר־
לאַנגט פון איהם דער פרעזידענט, באָארד אָף
דירעקטאָרס, פינאנס קאָמיטע, אָדער א ספעשיל קאָ־
מיטע אפאָינטעט ביי דער קאָנגרעגיישאָן.

7. בעפאָר דער טרעזשורער פאַרלאָזט זיין אָפיס,
מוז ער איבערגעבען צו די באָארד אָף דירעקטאָרס אלע
געלדער, ביכער, פאַפירען, אָדער אנדערע זאכען וואָס
עס איז אין זיין באזיץ וואָס באלאנגט צו דער קאָנ־
גרעגיישאָן.

8. אין פאַל דער טרעזשורער קען נים בייוואָהנען
דעם מיטינג פון די פינאנס קאָמיטע דאן מוז ער צו־
שיקען זיינע ביכער, וואוטשערס מיט זיינעם א רע־
פאָרט.

## ארטיקעל 11.

### דיוטיס פון רעקאָרדינג סעקרעטאר

1. דער רעקאָרדינג סעקרעטער זאָל איינגעשוואָ
רען ווערען בעפאָר זיין אינסטאַלליישאָן דאָס ער וועט
געטריי פארוואלטען זיין אָפיס. עס איז זיין פליכ
צו האלטען א רעקאָרד פון אַלעס וואָס עס ווער
געפאסט ביי די באָארד אָף דירעקטאָרס מיטינגען
ווי אויך ביי די מיטינגען פון די בארי עט לאָדזש
ער זאָל האלטען אלע מינוטס, אלע פארהאנדלונגען
פאַרלעזען אלע קאָמיוניקיישאָנס וואָס עס ווערט אריינ
געבראכט אָדער אריינגעשיקט פאר דער קאָנגרעגיישאָן.

2. דער רעקאָרדינג סעקרעטאר מוז אנוועזענד זיין ביי אלע מיטינגען פון די קאָנגרעגיישאָן פון די באָארד אָף דירעקטאָרען און פון די בארי עט לאָדזש.

3. ווען דער רעקאָרדינג סעקרעטאר פארלאָזט זיין אָפיס, זאָל ער איבערגעבען צו זיין נאָכפאָלגער אלע ביכער אין ארדנונג, און אלע פאפירען וואָס עס גע־פינען זיך ביי איהם פאר די קאָנגרעגיישאָן.

## ארטיקעל 12.

### דיוטיס פון פינאנשעל סעקרעטאר.

1. דער פינאנשעל סעקרעטאר זאָל איינגעשוואָרען

ווערען בעפאָר ער ווערט אינסטאַלירט אין זיין אָפּיס. ער זאָל סיינען אלע אָרדערס צום טרעזשורער וואָס עס דארף אויסגעצאָהלט ווערען און וועלכע בילס עס איז געפּאסט געוואָרען ביי די באָארד אָף דירעקטאָרס צום באצאָהלען. ער זאָל לאָזען וויסען יעדען מעמבער ווען א רעגולאר אָרער ספּעשיל מיטינג דארף אָפּגעהאלטען ווערען אין דיעזער קאָנגרעגיישאָן. אויך דארף ער לאָזען וויסען יעדען נייעם מעמבער ווען ער איז עלעקטער געוואָרען אלס מעמבער און איהם איבערגעבען א קאָפּי פון די ביי־לאָהס וועלכע אונזער קאָנגרעגיישאָן באזיצט. צו יעדען רעגולען מיטינג פון די באָרי עס לאָרדוש מוז ער שיקען יעדען מעמבער זיין ביל פון אלע שולדען צו דער קאָנגרעגיישאָן. ער מוז זיין אנוועזנד ביי אלע מיטינגען פון די באָארד און באָרי עס לאָרדוש.

2. ער זאָל האלטען אין אָרדנונג די ביכער פון דער קאָנגרעגיישאָן. ער זאָל פיהרען ריכטיג דעם אינקאם און עקספּענס. אלע געלדער וואָס עס קומט אריין זאָל ער ארייגציהען אין די ביכער סיסטעמאטיש. דעם 1־טען פון יעדען מאָנאט זאָל ער אויסמאכען בילס און דאס איבערגעבען צום שמש צו קאָלעקטען. אלע נדרים, נדבות און עליות זאָל ער אויפּפּאסען צו פאר־

צייכענען, און ביי דעם רעגולאר מיטינג פון די באָרד עס לאָרדזיש זאָל ער א רעפּאָרט פאָרלעגען, און מעלדען די באָרד די אומשטענדען פון שוהל.

3. ער זאָל האַלטען א רעקאָרד פון אלע חתונות וואָס עס קומען פאָר אין שוהל. ער זאָל אויך האָבען א ליסט פון אלע סיט האָלדערס.

4. דער פינאַנשעל סעקרעטאר זאָל האַלטען אין אָרדנונג אלע ביכער, פּאַפּירען און דאָקומענטען וואָס די קאָנגרעגיישאָן האָט איהם אנפערטרויט, זיינע ביכער זאָלען אימער זיין פאַרטיג פאר אן אונטערזוכונג, ווען עס ווערט געפאָדערט פון דער באָארד אָף דירעקטאָרס אָדער פון דער פינאַנס קאָמיטע.

5. ווען דער פינאַנשעל סעקרעטער פאַרלאָזט זיין אָפיס דאַן זאָל ער איבערגעבען צו זיין נאָכפאָלגער אָדער צו די באָארד אָף דירעקטאָרען אלע ביכער, פּאַפּירען און דאָקומענטען וואָס עס איז איהם אנפערטרויט געוואָרען אין גוטען אָרדער.

6. בעפאָר דער פינאַנשעל סעקרעטער נעהמט אי־בער זיין אָפיס מוז ער געבען א שורעטי באָנד, פאר אזוי פיעל וויפיעל די באָארד אָוו דירעקטאָרען וועט באַשטימען.

## ארטיקעל 13.

### דיוטיס און פאוערס פון מעמבערס.

1. די דיוס פאר מעמבערס פון דיעזער קאנגרעגיישאן זאל זיין 12 דאלאר א יאהר, און יעדער מיטגליעד איז פארפליכטעט צו צאהלען 1 דאלאר יעדען מאנאט.

2. ווען א מעמבער צאהלט ניט 3 מאנאטען נאכאנאנד, זאל ער זיין אין די אריערס און האט קיין רעכט צו ריידען, רעקאמירען, אדער וואוטען ביי די מיטינגען פון דיעזער קאנגרעגיישאן.

3. ווען א מעמבער פערפעהלט צו צאהלען 6 מאנאטען נאכאנאנד, זאל ער זיין רעדי פאר סוספענשאן, סיידען די באארד אף דירעקטארס געפינט פאר נויטיג איהם אנצוהאלטען אויף ווייטער.

4. יעדער מעמבער האט דאס רעכט צו קויפען א סינגעל אדער א דאובעל סיט אהנע עקסטרא טשארדזש אדער אסעסמענט אויף דעם סיט אדער דאובעל סיט פאר די זעלבע 12 דאלאר א יאהר דיוס.

5. אין פאל א מעמבער א סיט האלדער ווערט אויס מעמבער, דאן מוז ער צאהלען אסעסמענט פאר יעדען סינגעל סיט וואס ער האט 3 דאלאר א יאהר.

די צאהלונג זאל ווערען פעליג איין וואך בעפאר ראש השנה פון יעדען יאהר סיי פאר מעמבער סיי פאר א פרעמדען.

6. ווען א מעמבער א סיט האלדער איז אין די אריער און קלירט ניט אפ זיינע שולדען 4 וואכען בע־פאר יעדען ראש השנה, זאל איהם דער סעקרעטאר לאזען וויסען דאס אויב ער וועט ניט גוטמאכען און באצאהלען וואס עס קומט פון איהם אין א וואך צייט, דאן זאל זיין סיט אדער סיטס פארדונגען ווערען צו אנדערע בעפאר ראש השנה, און די סומע פאר די פארדונגענע סיטס זאל איהם גערעכנט ווערען אויף זיי־נע שולדען, און דאס זעלבע זאל געהמאן ווערען מיט א פרעמדען סיט האלדער.

7. ווען א סיט האלדער וויל פארקויפען זיין סיט אדער סיטס, מוז ער עס מעלדען צו די באארד אף דירעקטארס און די באארד אף דירעקטארס קען עס קויפען פאר די קאנגרעגיישאן. נאר אויב די באארד וויל רעם סיט אדער סיטס ניט קויפען, דאן קען דער יעניגער סיט האללדער פארקויפען זיין סיט אדער סיטס צו אזא פערזאן וואס זאל זיין צופריעדענשטעלענד צו די באארד אף דירעקטארס, און דער יעניגער מוז בא־צאהלען 5 פראצענט פון דעם פארקויפטען פרייז צו

דער קאָנגרעגיישאָן פאַר בייטען דעם דיער און רעקאָרד.

8. ווען א סיט האָלדער איז שולדיג צו די קאָנ־
גרעגיישאָן צו 25 דאָלאר אויף יעדען סיט פאַר דיוס, שנדר געלד אָדער פיינס, אָדער 60 דאָלאר אויף א ראָובעל סיט, דאן זאָל דער יעניגער קריגען נאָטיס דורך א רעדזשיסטירטען לעטער אז אויב ער וועט ניט באַ־
צאָהלען זיינע שולדען אין פארלויף פון 90 טעג, וועט זיין סיט אָדער סיטס פארקויפט ווערען פער אָקשען. סיינס זאָל אין שוהל אויסגעשטעלט ווערען און מעל־
דען אלעמען דאָס אזא און אזא סיט אָדער סיטס ווע־
רען פארקויפט, פון דעם אריינגעקומענעם אמאונט זאָר די שוהל אָפרעכענען די שולדען פון סיטהאָלדער מיט אלע עקספענסעס וואָס אזא סייל באטרעפט און אויב עס בלייבט איבער א באַלאַנס פון די פארקויפ־
טע סיטס זאָל מען עס איבערגעבען צום סיט האָלדער.

9. ווען איינער קויפט א סיט אָדער סיטס אויף אויסצוצאָהלען מוז ער גלייך איינצאָהלען 20 פראָצענט פון דעם אמאונט פון סיט אָדער סיטס און נאָכהער צאָהלען מאָנאטליך 5 פראָצענט פון דעם פריין פון זיין סיט אָדער סיטס. אין פאַל ער פארפעהלט צו צאָה־
לען צו דער באשטימטער צייט, דאן זאָל מען איהם רעכענען 6 פראָצענט אינטערעסט פאר די פארפעהל־

טע צאָהלונגען, און די אינטערעסט זאָל זיין פעליג
אין וואָך בעפאָר ראש השנה פון יעדען יאָהר, אָבער
אין קיין פאַל זאָל ניט זיין די אויסצאָלונג מעהר ווי 3
יאָהר פון דעם טאָג וואָס ער האָט געקויפט.

10. ווען א סיט האָלדער, קיין אונטערשיער מעמ־
בער אָדער פרעסדער, באהויבט זיך ניט אָרדער פיהרט
זיך ניט אויף אנשטענדיג אין דער צייט פון דאוונען
און לייענען און מאַכט א גערודער וואָס איז ניט פאַ־
סיג פאר א מקום קדוש, און דאָס קען שאדען דער
קאָנגרעגיישאָן, און דער פרעזידענט, וויס פרעזידענט,
אָדער די טראָסטיעס פון שוהל האָבען איהם מתרה גע־
ווען דריי מאָהל, אז ער זאָל זיך פארהאַלטען רוהיג
און פאָלגט ניט דעם אָרדער, דאן זאָל דער פרעזידענט
אויף יענעם אריינברייגען א טשאַרדזש צו די באָארד
אָף דירעקטאָרס. 14 טעג זאָל דעם באשולדיגטען גע־
געבען ווערען צו ערשיינען פאר אַ הירינג, און נאָך
אן אונטערזוכונג ווען די באָארד אָף דירעקטאָרס גע־
פינען איהם שולדיג, דאן זאָל פון דעם יענינען צור
גענומען ווערען דאָס רעכט אריינצוטרעטען אין דעם
בילדינג פון דיעזער קאָנגרעגיישאָן, און זיין סיט אָדער
סיטס זאָל פארקויפט ווערען פאר אַקשען לויט סעק־
שאָן 8, פאראגראף 13.

11. ווען א מעמבער באנעהם א פארברעכען געגען דער קאנגרעגיישאן אויף אזוי פיעל או ער איז ניט פאסיג צו זיין א מעמבער אין דער געמיינדע, דאן זאל א שריפטליכע קלאגע און 2 קאפיעס אריינגעבראכט ווערען צו דער באארד אף דירעקטארס, און ווען א טאדזשאריטי פון די באארד נעהמט אן די קלאגע, דאן זאל דיעזער אינהאלט איבערגעגעבען ווערען צו די פיעס קאמיטע צום פארהאנדלען. דעם באשלוס זאגען ווי אריינברינגען צו דער באארד אף דירעקטארען פאר א באשטעטיגונג אין פארלויף פון 14 טעג צייט.

12. ווען א מעמבער איז ניט צופריעדען מיט דעם באשלוס פון די באארד אף דירעקטארס, פרעזידענט אדער פיעס קאמיטע, האט ער דאס פולע רעכט צו אפעלירען זיין קייס צו די באדי עט לארדזש, ביי דעם 1־טען מיטינג וואס עס קומט פאר נאכהער.

13. ווען א מעמבער האט שנרדיט פאר דער קאנגרעגיישאן, אדער ער איז נעפיינט געווארען, זאל די געלר פעלינ ווערען נים שפעטער ווי דריי מאנאטען. אין פאל ער באצאהלט נים צו יענער צייט זאל דער יעניגער מעמבער זיין אין אריערס אזוי גוט ווי פאר ריום.

14. ווען א מעמבער פון דיעזער קאנגרעגיישאן

וועט וועלען געברויכען די שוהל און די האל פון שוהל פאר א חתונה, זאל ער באצאהלען צו דער קאנגרע־גיישאן 10 דאלאר פאר בייטאג און 16 דאלאר פאר ביינאכט, און אויב דער יעניגער וועט וועלען געברוי־כען די שוהל פאר א חופה בלויז, זאל ער באצאהלען בלויז 5 דאלאר צו דער קאנגרעגיישאן.

15. ווען ביי א מעמבער וועט פאסירען א בר מצוה, אדער אן אויפרוף פאר א חתן און וועט פארלאנגען צו טהיילען עליות צו זיינע פריינד און באקאנטע, דאן זאל ער באצאהלען 5 דאלאר פאר דיעזען פריווילעדזש צו דער קאנגרעגיישאן.

## ארטיקעל 14.

### פיינס אדער שטראף.

1. אלע פיינס וואס מעמבערס זיינען געפיינט גע־ווארען פאר ניט כאהויבען זיך אין דער צייט פון בארי־מיטינגען קען ארפגענומען ווערען פון דעם פרעזי־דענט פון דער קאנגרעגיישאן, אבער אנדערע פיינס קענען נאר ארפגענומען ווערען ביי א קאנגרעגיישאן מיטינג און ביי א וואוט.

2. ~~אין מאל און אפיסער פון דיעזער קאנגרעגיישאן~~ קומט ניט צו די מיטינגען 3 מאהל נאכאנאנדער און ניט

ניט אָן קיין ריכטינע אורזאַכע פאַר זיין אבוועזענהייט, דאַן זאָל זיין אָפּיס ערקלעהרט ווערען לײדיג ביי א וואוס פון די מעמבערס פון דער קאָנגרעניישאָן.

3. יעדער מעמבער וואָס שרייבט אונטער צו רופען א באָרד מיטינג און קומט אליין ניט צום מיטינג, זאָל שטראַפירט ווערען מיט 1 דאָלאַר, סיידען ער ניט אָן אַן אורזאַכע וואָס דער פּרעזידענט וועט עס אָנ־נעהמען.

4. יעדער סעקרעטאַר וואָס ברייננט ניט זיינע ביי־כער צו א מיטינג, סיי פון די באָרד, סיי פון די באָארד אָף דירעקטאָרס זאָל שטראָפירט ווערען מיט 1 דאָל.

5. יעדער מעמבער אָדער ראָפּיסער וועלכער וועט זיך ענטזאָגען צו פאַרהאַלטען זיך רוהיג ביי די מי־טינגען אָדער צו נעהמען זיין סיט ווען ער ווערט אויפגעפאָדערט ביים פּרעזידענט, וויים פּרעזידענט, אָדער ענני אָפּיסער, אָדער ער מאַכט א דיסטורבענס און קריג ביים מיטינג, זאָל ער דעם 1־טען מאָל גע־פיינט ווערען מיט 1 דאָלאַר, דעם 2־טען מאָל מיט 2 דאָלאַר און דעם 3־טען מאָל מיט 3 דאָלאַר. אין פאַלס ער האַלט זיך נאָך אַלץ ניט רוהיג נאָכדעם ווי ער איז שוין דריי מאָל געפיינט געוואָרען זאָל ער סוס־פּענדירט ווערען אויף ניט ווייניגער ווי 30 טעג און ניט

מעהר ווי 60 טעג פון מיטינגען.

6. ווען א מעמבער פארנאכלעסינט צו רעפאר־
טען צו די באארד אף דירעקטארס ווענען א קראנקען
ברודער וואס ער וויים, אדער ער געהט ניט מבקר חולה
זיין א קראנקען ברודער פון דיעזער קאנגרעגיישאן,
ווען דער סעקרעטער האט איהם ווענען דעם געלאזט
וויסען, זאל ער געפיינט ווערען מיט 50 סענט.

7. עני מעמבער וואס געהט אוועק פון מיטען
מיטינג סיי פון די קאנגרעגיישאן מיטינג, סיי פון די
באארד אף דירעקטארס מיטינג, און צוברעכט א קווא־
רום, זאל געפיינט ווערען מיט 1 דאלאר.

8. ווען א מעמבער קומט ניט צו אררער און געהמט
ניט זיין סיט אין שוהל אין דער צייט פון דאווענען
און לייענען, ווען ער ווערט געארדערט ביי די טראס־
טיעס פון שוהל און די טראסטיעס רעפארטען איהם
צו די באארד אף דירעקטארס מיטינג, דאן זאל דער
יעניגער געפיינט ווערען מיט 1 דאלאר. און דעם 2־טען
מאל זאל דער פרעזידענט אפאינטען א קאמיטע צו
בריינגען טשארדזש צו די באארד, און אויב דער ברו־
דער ווערט געפונען שולדיג, דאן זאל ער סוספענדירט
ווערען ניט ווייניגער ווי אויף 30 טעג און ניט מעהר ווי

90 טעג פון מיטינגען.

9. א מעמבער וואס אטענדעט ניט א פיונעראל ביי א ברודער, אדער דעם ברודערס ווייב, ווען ער איז נאטיפייד בעווארען פון סעקרעטער, זאל ער גע־פיינט ווערען מיט 1 דאלאר, סיידען ער גיט אן א גענינענדע אורזאכע.

## ארטיקעל 16.

1. יעדער איד מיט א גוטען כאראקטער און פיהרט זיך אויף אידיש און ווען ער איז 18 יאהר אלט, קען ווערען א מעמבער פון דיעזער קאנגרעגיישאן.

2. יעדער איד וואס וויל ווערען א מעמבער אין דער קאנגרעגיישאן זאל אריינבריינגען א שריפטליכען אפליקיישאן מיט 1 דאלאר פראפאזישאן צו די באארד אף דירעקטארס מיטינג. די פראפאזישאן קען גע־ענדערט ווערען פון צייט צו צייט ווען די באארד אף דירעקטארס געפינט פאר נויטיג. די קאנדידאטען וא־לען זיין רעקאמענדירט ביי ניט וועניגער ווי 2 מעמ־בערס פון דיעזע קאנגרעגיישאן און דאן זאל עס איי־בערגעגעבען ווערען צו די אינוועסטיגיישאן קאמיטע און ביים נעקסטען מיטינג ווען זיי ברייננען אריין א רעפארט אלס גינסטיג, דאן זאל דער קאנדידאט עלעק־

טער־ווערען ביי די באארד.

3. יעדער מעמבער וואס באלאנגט אין דיעזער קאנ־גרעניישאן מעהר ווי 6 מאנאט און איז גוטשטעהענד אין די ביכער, קען עלעקטער ווערען פאר יעדער אפיס אויב ער איז נאר פעהיג.

4. ווען א גוטשטעהענדער מעמבער איז אין שבעה, דאן זאל די קאנגרעגיישאן זעהן ווי ווייט מעגליך ער זאל האבען א מנין אין הויז.

5. יעדער גוטשטעהענדער מעמבער זאל האבען אלע פריווילעגיעס פון מעמבערשיפ.

## ארטיקעל 16.

### דיוטיס פון פינאנס קאמיטע.

1. די פינאנס קאמיטע זאל באשטעהען פון 5 מיט־גליעדער פון די באארד אף דירעקטארס. וועלכע דיוטי איז צו עקזאמענירען אלע בילס פאר דיעזער קאנגרע־גיישאן אידער מען צאהלט זיי אויס, און צו עקזא־מענירען אלע ביכער פון פינאנשעל און רעקארדינג סעקרעטער, טרעזשורער און שמש אלע 3 מאנאטען, אדער צו יעדער צייט ווען די באארד געפינט פאר נויי־טיג און דאס רעפארטען צו די באארד, אויך דארפען זיי העלפען אויסמאכען דעם יעהרליכען רעפארט פאר

די באַרד עס לאַררוש.

## אַרטיקעל 17.

### דיוטים פון בילדינג קאַמיטע.

1. די קאַמיטע זאָל באַשטעהן פון 5 מיטגליעדער פון די באַארד אָף דירעקטאָרס. זייער דיוטי איז אַכ־טונג צו געבען אויף די קאָנגרעגיישאָן בילדינג אינ־סייר און אויטסייר, אז אַלעס זאָל זיין אין גוטען אָרד־נונג. זיי זאָלען ביי יעדען באַארד אָף דירעקטאָרס מי־טינג רעפּאָרטען פון אַלעס און אין וואָס פאר א צו־שטאַנד דער בילדינג געפינט זיך, און וואָס פאר א באַ־דערפנישע דער בילדינג נויטיגט זיך.

2. אין פאַל עס פּאַסירט אן אויסערגעוועהנליכער רעפּעראַטור, וועלכעס מוז גלייך געפיקסט ווערען, ווען ניט וועט דאָס פיעל שאַדען ברייננען צו דער קאָנ־גרעיישאָן האָבען ויי דאָס רעכט גלייך צו פיקסען, און דאָס גלייך רעפּאָרטען צום ערשטען מיטינג פון דער באַארד.

## אַרטיקעל 18.

### דיוטים פון פרינטניג קאַמיטע.

1. די קאַמיטע זאָל באַשטעהן פון 3 מיטגלידער פון די באַארד אָף דירעקטאָרס. זייער דיוטי איז צו

אָרדערען אלע פּרינטינג וואָס די קאָנגרעגיישאָן וועט פאַרערען.

## אַרטיקעל 19.

### עלעקשאָן פון א רב און א חזן.

1. עלעקשאָן פאר א רב אדער א חזן קען זיין נור דאַן ווען א ספּעשיל מיטינג פון די קאָנגרעגיישאָן וועט גערופען ווערען און 7 טעג נאָטיס זאָל געגעבען ווערען צו די מעמבערס וועגען דעם צוועק, און צוויי דריטעל פון די אנוועזענדע גוטשטעהענדע מעמבערס וועלען וואוטען דאפיר אז דיעזע קאָנגרעגיישאָן זאָל האָבען א רב אָדער א חזן, און די סאַלאַריס זייערע זאָל באשטימט ווערען ביי די באָארד אָף דירעקטאָרס, און זאָל אַרווערטייזען איין מאָנאַט צייט אין ענגלישע צייטונג וואָס זי וועט נעסינען פאר נויטיג, וועגען פאַרלאַנג פון א רב אָדער א חזן.

2. די עלעקשאָן פון א רב אדער א חזן זאָל זיין ביי א ספּעשיל מיטינג, גערופען פאר דעם צוועק און ביי א מאַדזשאָריטי וואוטס זאָלען זיי עלעקטעד ווערען.

## אַרטיקעל 20.

### דיוטיס פון שמש און קאָלעקטאָר.

1. בעפאָר א שמש נעהמט איבער זיין אָפיס פון

פון קאנגרעגיישאן מוז ער געבען צו דער קאנגרעגיישאן א סעקיוריטי, וועלכע די באארד אף דירעקטארס וועלען באשטימען.

2. זיין דיוטי איז צוצושטעלען אלע נאטיסעס, פייפערס, און לעטערס צו מעמבערס און אלעס וואס אנבעלאנגט צו די קאנגרעגיישאן ביי דעם ארדער פון פרעזידענט אדער באארד אף דירעקטארס.

3. דער שמש זאל אטענדען און צוגרייטען אלעס וואס עס איז נויטיג פאר חתונות ביי דעם ארדער פון פרעזידענט אדער באארד אף דירעקטארס.

4. דער שמש זאל עפענען און צומאכען די שוהל יעדען פריהמארגען און יעדען אווענט פון יאהר איין צייט פון דאווענען. ער זאל זעהן דאס די ספרי תורות זאל זיין גוט ארומגעזעהן מיט מענטעלאך. ער זאל צוטהיילען סידורים מיט חומשים שבת אין דער צייט פון דאווענען און לייענען צו אלע מעמבערס. ער זאל האלטען אלע טליתים אין ארדער און זאל אטענדען אלעס וואס עס פאדערט אין שוהל.

5. דער שמש זאל דינגען א דושעניטאר וואס זאל האלטען דעם גאנצען בילדינג ריין און פיין. ער זאל זעהן או ווינטער צייט זאל זיין ווארעם, און זאל ארומדייניגען דעם בילדינג פון שנעע און אייז, און

זומער פון שטויב און שטויב, און ווען דער שמש נעהט קאלעקטען זאל דער רושעניטאר קענען פארטרעטען זיין שטעלע אין אלע הינזיכטען.

6. דער שמש זאל צוגרייטען די האלס פאר מי־טינגען סיי פאר די באארד אף דירעקטארס, סיי פאר די כארי עט לארדוש, ווען א מיטינג דארף פארקומען, און אויך אנדערע מיטינגען וואס די באארד אף די־רעקטארס האבען נעפאסט עס זאל אפגעהאלטען ווע־רען אין דיעזער שוהל. דער שמש מוז זיין אנוועזענד ביי די באארד אף דירעקטארס מיטינגען ווי אויך ביי די מיטינגען פון די כארי עט לארדוש. קיינע פערזאנען האט דער שמש א רעכט אוועקצושטעלען אויף זיין פלאץ, סיידען ער ווערט אפאינטעט ביים פרעזידענט אדער די באארד אף דירעקטארס. די שליסלען פון די קאנגרעגיישאן בילדינג אדער עני אר־טיקעל וואס באלאנגט צו דער שוהל מוז ער געבען צו יעדער צייט, ווען אזעלכעס ווערט געפאדערט ביי די באארד אף דירעקטארס מיטינגען.

7. דער שמש זאל קאלעקטען אלע געלדער פאר דער קאנגרעגיישאן, אזוי ווי דיוס, שנודר געלד און אלע דאניישאנס פון אלע מעמבערס, ווי אויך פון פרעמדע. און אלע וואך בעפאר די באארד אף דירעק־טארס מיטינגען זאל ער די קאלעקטירטע געלד אריינ־

שרייבען אין זיין קעש בוך, די נעמען פון דער סומע וויפיעל ער האט קאלעקטעט און דאס אלעס איבער־נעבען צום פינאנשעל סעקרעטער אונטער זיין אונ־טערשריפט אז ער האט אזא סומע ערהאלטען און דער סעקרעטער זאל גלייך נאך דעם מיטינג קענען קרעדיטען יעדען איינעם זיינע איינצאהלונגען.

8. פון אלע געלדער וואס דער שמש וועט קאלעק־טען פאר דיעזער קאנגרעגיישאן זאל ער קריגען 10 פראצענט פאר קאלעקטען אויסער מיט געלד צו וועל־כע ער זאל ניט זיין בארעכטיגט צו קיין פראצענט.

9. דער שמש האט קיין רעכט ניט ארפצוהאלט־ען קאלעקטעטע געלדער פאר זיך דורך די וואך. אלעס מוז ער איבערגעבען צום פינאנשעל סעקרעטער לויט זיין קעש בוך.

10. די באארד אף דירעקטארס האבען דאס רעכט צו עלעקטען ביי זייער מיטינג אן אנדער קאלעקטאר אויסצוהעלפען דעם שמש צו קאלעקטען וואס עס קומט דער קאנגרעגיישאן אויב זיי געפינען אז דאס איז נויטיג.

11. דער שמש האט קיין רעכט ניט צו ספענדען קאנגרעגיישאן געלד פאר צאהלען א ביל פריהער די באארד אף דירעקטארס האט נעפאסט ביי זייער מיטינג אז ער זאל דאס טהאן.

12. עס איז אויך די פליכט פון דעם שמש אכ־טונג צו געבען אז די קאנגרעגיישאן בילדינג זאל אין אלע צייטען זיין אין ארדנונג. אין פאל פון אן עקסידענט אין בילדינג וואס עס מוז גלייך געפיקסט ווערען און מען קען ניט ווארטען ביז די באארד אף דירעקטארס מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען, זאל ער זאפארט לאזען וויסען דעם פרעזידענט אדער דעם טשערמאן פון די בילדינג קאמיטע, און זיי זאלען נעהמען שריטע וועגען דעם.

דיעזע אלע געזעצע, ארטיקלען, פאראגראפס אדער ווערטער, חוץ דעם 1־טען ארטיקעל וואס באווארענט זיך אליין, זאל ניעמאלס געענדערט ווערען, סיידען אזא ענדערונג ווערט געפאדערט שריפטליך פון 25 גוטשטעהענדע מעמבערס פון דער קאנגרעגיישאן און פארגעלייגט פאר די באארד אף דירעקטארס מיטינג, דאן זאל געגעבען ווערען 7 טעג ליגעל נאטיס צו אלע מעמבערס פאר א ספעשיל מיטינג און ווען דער פארלאנג ווערט דורכגעפיהרט מיט צוויי־דריטעל מאדזשאריטי פון די אנוועזענדע מעמבערס, דאן בלייבט עס א געזעץ אין די קאנסטיטושאן פון אונזער קאנגרעגיישאן.

---

אלע מיטינגען זאלען זיך פיהרען נאך פארלאמענטארי רולס.

# ארדער פון מיטינג

1. ראלל קאלל פון אפיסערס.
2. לעזען פון מינוטס
3. קארעקשאן פון מינוטס.
4. קראנקע מעמבערס און רעפארטס פון וויזיטי
קאמיטע.
5. פארשלאגען פון מעמבערס.
6. אויפנעהמען פון מעמבערס.
7. קאמיטע רעפארט.
8. נים נעסינישטע ביזנעס.
9. נייע ביזנעס.
10. קאמיוניקיישאנס.
11. וואויל און בעסט.
12. אינקאם און עקספענס.

# אָפּיסערס פון קאָנגרעגיישאָן אגודת שלום
# אָף טשעלסי

דושאָסעף סלאָטניק, פּרעזידענט

מ. טינער, וויים פּרעזידענט

הערדי קראַנטצמאָן, טרעזשורער

ס. סאָנדלער, פינאַנשעל סעקרעטער

מ. קאַמענקאָוויטש, רעקאָרדינג סעקרעטער

ה. רובין, קאָלעקטאָר

ב. גוסס, דושעניטאָר.

## באָארד אָף דירעקטאָרס

אליהו בלומבערג, טשערמאַן

ג. אַלפּערט

ג. אנשעלאָוויטץ

ה. בלומבערג

דזש. בלומבערג

מ. בלאַסס

א. פּייגבערג

דזש. גאָלדשטיין

ב. הורוויטץ

דזש. קראַנטצמאַן

ס. קראַנטצמאָן

ד. לאַק

ל. לעבאָוויטץ

א. לעווין

מאַקס לעווין

דזש. ליוויי

דזש. רעזניק

ל. שאַיעוויץ

מ. סטאָון

ה. טינער

י. ווידעמצקי

דזש. זימבאַל

# נעמען פון מעמבערס

—פון—

# קאנגרעגיישאן אגדת שלום

טשעלסי, מאסס.

אשרי, דזש.
אפענהיים, דזש.
אשרי, ה.
אראנסאן, נחום
אראנסאן, יוסף
אנשולעוויטש, יעקב גר
אבעלאוויץ, זלמן יוסף
אלבום, נחום
אלפערט, נורמאן
אראנאוויץ, מתתיהו י.
אראנס, סעם
אראנס טשארלס
אלפערט, יוסף
איזראעליט. י. י. פ.,
ראבבי
בערנער, עזריאל
בויקער, משה
בעראן, זאב
בארר, יצחק

בין, זלמן
בארענשטיין, נריהו
בערלין, מאניש
בארענשטיין, אפרים גרשן
בערקמאן, שמואל
בערסאן, מיכאל
בערסאן, משה יצחק
בערקאוויץ, דוב
בערקאוויץ, צביה
בערענשטיין, יצחק
בלומבערג, אליהו
בלומבערג, הערי
בלומבערג, דזשיימס
בלומבערג, מרס. פסח, ז"ל
בלאסס, מאקס
בראוקער, טשארלס
בראון, יצחק יעקב
בראווערמאן, לואיס
בערקאוויץ, פהיליפ

בארענשטיין, מאיר
בראון, אייזיק
בירענבוים, מאריס
גראסס, מ.
גאלדבערג, ע. דר.
גאלדבערג, ה.
גאלדשטיין, טשארלס
גאלדשטיין, ג.
גאלדשטיין, רזש.
גאלדשטיין, פ.
גאלדשטיין, מ. נ.
גאלדמאן, מ. י.
גאלדמאן, מ. ל.
גאלדמאן, י.
גאלדמאן
גאלדפארב, רזש.
גאלדע, שלמה
גארדאן, מאריס
גארדאן, רזש.
גודמאן, י.
גודמאן, ל.
גליקשטיין, ל.
גרווין, מ.
גרינבלאס, דוב אריה
גרינבערג, טשארלי
גראססקי, מ.
גאראס, הירש
דזשייקאבס, איזידאר
דריבין, אליעזר

דריבין, ישראל צבי
דייווידסאן, צבי דוד
רעגיעלס, משה נתן
הורוויטז, לואי
הילל, ג.
האמבורגער, משה צבי
הענדלין, העשיל
הורוויטז, דוב
הורוויטז, אלחנן
הערשענסאן, אהרן
העכטער, איסר
הערשאן, צבי
וואלפע, גרשן
וואלפער, משה
וואלפסאן, משה
וואטשמאן, עזריאל
ווירעצקי, שרגא פייוויש
ווירעצקי, ישראל
וויצקי, ירידיה
וויינסטיין, רזשארדזש
וויינסטיין, איליי
זלאטניק בצלאל
זלאטניק, זאב
זלאטניק, איסר
זלאטניק, אהרן שלמה
זלאטניק, יוסף
זעלבאוויטז, חיים
זאבלאצקי, קאפעל
זוקאפסקי, ישעיהו ליב

זימבעל, יהודה
זימבעל, מרדכי
חפץ, אברהם שלמה
טשיים, מרס.
טיינער, חיים
טאק, נתן
טיינער, משה
טשערניס, מרס.
טעימער, נתן נטע
יונים, יעקב
יאפפע, יעקב
לעווין, דזש.
לעווענסאָן, ר.
לעווין, א.
לעווין, מ.
לעווין, ג. ה.
לעווין, אליהו
לעווין, ס.
לעבאָוויטש, ס.
לעווין, ר. א.
לאַק ר.
לאַק ת.
לאַק דזש.
לאקוב, א.
לעווין, ה.
לעווין, יוסף
לעוויס, ס.
לעווענטהאל, מ.

לינדענבלאַט, אייזיק
ליכטענשטיין, א.
לעווין, לואיס
ליפשיטץ, מ.
ליווי, י.
מעדאָוו, אייזיק
מעדאָוו, ל.
מעדאָוו, ה.
מענדעלסאָן, ט.
מאָרריסאָן, מ.
מינסקי, מרס.
מעלטצער, וו.
מאַרגאָלין, מ.
מאַרגאָליס, מ.
מאַרקעל, וו.
מאַן, א. ק.
מגיר, פהיליפ
מאַרוס
מעדאָוו, מרס.
מאַן, פהיליפ
נודעלמאַן, א.
נאָוויטץ, ר.
ניטקע, א.
נעלסאָן, ס.
נאַטופסקי, טש.
נאַטופסקי, ס.
נעפעלעאָן, ב.
נייטענסאָן, דזש.

סעיפע, הערדי
סיגעל, ל.
סיגעל, א.
סענדלער, שמואל אליעזר
סאלטער, טוביה
סאלטער, אלבערט
סאלטער, משה יצחק
סאלאווי, שבת
סיעוויטש, בענדזשאמין
סיעוויטש, רזשייק
סיעוויטש, הערדי
סיעוויטש, לואיס
סענדערסאן, יוסף
סופאוויטש, ווילא
סופאוויטש, לואי
סטראנאף, ורה
סמאליאר, אלחנן
סטיין, סיימאן ב.
סטאן, מאיר
סימאן, יעקב
סליסאוויטש, דזש.
סטאן, חיים צבי
ספיטצער, ס.
סאבעל, אליהו
סניידער, יוסף
סמיטה, מרס.
סמיטה, הערדי
סלאן, צבי
פאונער, דזש.

פארטנאי, ב.
פרידמאן, ס.
פראנק, לאא
פרידמאן, נ.
פארמאן, מ.
פרעשמאן
פריעדמאן ל.
פריעדמאן ס.
פריד, ה.
פרימאן, ה.
פרידמאן, נ.
פליישער, רושיי
פיננער, מ.
פיינסילווער, מ.
פיינשטיין, דר. מ.
פיינבערג, ה.
פיינבערג, אשר אנשיל
פאלקאף, מנחם מאניש
קאטצען, י.
קראוויטש, ס.
קראוויטש, א.
קרענטצמאן, הערדי
קרענטצמאן, דזש.
קרענטצמאן, ר.
קרענטצמאן, סעמיועל
קאטצען, אברהם
קאפלאן, מ. ר.
קלובאק, יהושע
קארעמיז, ס. א.

קאפעלאָוויץ, מ.
קאַניקאָף, ל.
קאַלטאָף, ירחמיאל
קעסעל, מ.
קאַרנאָ, הלוי
קאפלאן, משה דוד
קאפלאן, ל.
קאפלאן, יהודה ליב
קאַפּלאַן, גרשן
קאַמענקאָוויטש, מיכאל
קראָסט, מאָריס
קאַראָ, דוד
קאַרטער, משה
קאָהען, יוסף אליהו
קאָהען, שבנא
קאָהען, אסתר
קאָהען, בענדזשאמין
קאָהען, איזיק
קאפלאן, אליעזר
קאַליסאן, פּנחס
קאַפּעלמאַן, הערשי
קאַפּעלאָוויטש, זעליג
דיטשמאַנד, פּ.
רעזניק, משה ליב
רעזניק, ב.
רעזניק, ה.
רעזניק, ל.
רעזניק, רוש.
רייןהערטש, דר.

ראָזענטאַל, אברהם
ראָזענבערג, יוסף אהרן
ראָזענשערס, ק.
רובין, נ.
רוטשטיין, ה.
רוביק, רוש.
רוביק, ה.
רובינשטיין, ס.
רובינשטיין, ה.
ראָסס, ז.
ראָסס, מ.
ראָזענבלום, מר.
ראָזענפעלד, סה.
ראָזענבערג, רוש.
ראָז, ס.
ראַנסאָן, ב.
רינגער, ס.
ראַגאָווין, ב.
שטיינמאַן, אברהם יצחק
שלאָסבערג, ראָבערט
שורמאַן, שלום
שור, מיכל
שאַפער, יהושע העשיל
שאַליק, יוסף
שארף, יצחק יעקב
שנייערסאָן, יעקב צבי
שאַפּירא, לואיס
שאַפּירא, יוסף
שוואַלב, סעם